ו. מאמר בענין שיחה עה"פ כי תשא גו'.

ה. כרגיל אויף לערנען א פסוק אין פרשת השבוע מיט פרש"י, איז אין היינטיקער סדרה, גלייך בהתחלת הפרשה (כה,ה) שטעלט זיך רש"י אויף "תחשים", און איז מפ': "מין חי', ולא היתה אלא לשעה, והרבה גוונים היו לה, לכך מתרגם ססגונא ששש ומתפאר בגוונין שלו", וואס בשעת מ'איז זיך מתבונן אין פרש"י, זעט מען אז ס'איז מלא קושיות, און ווי מפרשים פרעגן טאקע אויף רש"י, (און הגם אז זיי פארענטפערן רש"י, איז אויב מ'וועט נאר אננעמען אז רש"י איז מפ' אין אן אופן אז אפי' א בן חמש למקרא זאל אויך פארשטיין, קען מען ניט זאגן ווי זיי פארענטפערן),

וואס רש"י זאגט אז תחש איז "מין חי'", ולכאורה איז ניט מובן: אין גמ' (שבת כח,ב) שטייט אז תחש איז א ברי' בפ"ע, און די חכמים האבן ניט מכריע געווען צי דאס איז א מין חי' צי א מין בהמה, איז פארוואס שרייבט רש"י בפשיטות אז ס'איז מין חי'?

עס זיינען דא אזוינע וואס ענטפערן, אז וויבאלד אז אין מדרש (תנחומא און מדרש רבה) שטייט אז מין חי' היא, שרייבט רש"י אז תחש איז מין חי', ווי שיטת המדרש,

מ'קען אבער אזוי ניט ענטפערן, ווייל א) ניט דאס איז ענינו פון רש"י צו מכריע זיין צווישן מדרש און גמ', ובפרט נאך לויט דעם כלל אז אין א ארט וואו ס'איז דא א פלוגתא צווישן מדרש און גמ', גייט מען להלכה לויט די גמ', איז פארוואס נעמט רש"י אן ווי דער מדרש? ב) אויב רש"י פארלאזט זיך אויפן מדרש, וואלט ער געדארפט שרייבן "אי' במדרש", אדער "דרשו רבותינו" וכיו"ב? און פון דעם וואס רש"י שרייבט סתם "מין חי'", איז א ראי' אז די הוכחה אויף דעם איז פון פשוטו של מקרא.

דערנאך איז רש"י ממשיך "ולא היתה אלא לשעה", דארף מען פארשטיין: וואס איז רש"י'ס הכרח - אין פשטות הכתובים - אז "לא היתה אלא לשעה"?

מפרשי רש"י פארענטפערן, אז וויבאלד אז דער משכן האט געמוזט זיין "מן המותר בפיך", מוז מען דאך זאגן אז תחש איז א מין טהור, און בשעת מ'לערנט פ' ראה, וואו עס ווערן אויסגערעכנט אלע מינים טהורים, זעט דער קינד אז תחש ווערט ניט גערעכנט, וועט עס זיין שווער פארוואס מ'רעכנט דאס ניט, און דערפאר שרייבט רש"י אז "לא היתה אלא לשעה", און דעראיבער האט מען דאס ניט וואס צו רעכנען.

מ'קען אבער ניט אננעמען דעם תי', ווייל א) וויבאלד אז די קשיא ווערט ערשט אין פ' ראה, האט דאס רש"י דארט געדארפט באווארענען, און ניט דא אין פ' תרומה? און אפי' אויב רש"י וויל דאס שוין יע באווארענען דא, האט ער געדארפט לכל הפחות פארציכענען צו פ' ראה? ב) דער כלל פון "מן המותר בפיך" האט דער בן חמש נאך ניט געלערנט, (און דאס ווערט בכלל ניט דערמאנט אין פרש"י עה"ת), און ס'איז ניט נאר וואס מ'געפינט ניט דעם כלל אין פשוטו של מקרא, נאר אדרבה: מ'האט ערשט געלערנט (מיט א פסוק פריער) אז מ'האט גענוצט "תולעת שני", וואס דער פי' הפשוט פון תולעת איז א ווערעמעל, וואס דאס איז א מין טמא, ואעפ"כ האט מען דאס גענוצט

אין משכן, זעט מען דאך אז אין פשוטו של מקרא קען מען ניצן אני' ניט "מן המותר בפיך".

וואס בנוגע צו תולעת שני, געפינט מען צוויי פי':
א) מ'האט ניט גענוצט דעם גוף התולעת, נאר די צבע דיינער, און דער צבע מעג זיין אפי' פון א דבר טמא, משא"כ אז מ'וויל ניצן דעם גוף הדבר, מוז דאס זיין "מן המותר בפיך". ב) לפי פי' הרמב"ם (הל' פרה אדומה פ"ג ה"ב), אז תולעת שני איז געווען א קערענדל, אזוי ווי א גרעין, און דאס הייסט תולעת ווייל ס'איז בדומה צו א תולעת, (וואס אלע מפ' קריגן אויף אים, און מ'פרעגט אים אפ וכו'), און מיט דעם (דער חילוק פון צבע בידן גוף הדבר, און מיטן פי' הרמב"ם) וויל מען פארענטפערן א רש"י אין פשוטו של מקרא.

דערנאך איז רש"י ממשיך "והרבה גוונים היו לה", וואס ס'איז פארשטאנדיק פארוואס רש"י מוז דאס זאגן, ווארום וויבאלד אז מ'האט שוין געהאט תכלת און ארגמן כו', און ס'איז שוין געווען דער מכסה פון עורות אילים מאדמים, איז פארוואס האט מען געדארפט אויך דעם מכסה פון עורות תחשים? איז אויף דעם זאגט רש"י; אז וויבאלד אז דער משכן האט געדארפט זיין לשם ולתפארת, האט מען גענומען תחשים, מצד די שיינקייט וכו', וואס "הרבה גוונים היו לה",

דערנאך פירט אויס רש"י - "לכך מתרגם ססגונא כו'", וואס לכאורה איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: רש"י איז דאך ניט קיין פי' אויפן תרגום; ניט דאס איז זיין ענין, (און וואס איז דא די קשיא אויפן תרגום) איז למאי נפק"מ אויב דער פי' אין תרגום איז אזוי צי אזוי?

און די עיקר קשיא איז כנ"ל, וואס אויף רוב פירוש רש"י איז לכאו' ניטא קיין הכרח אין פשטות הכתובים, אבער פון דעם וואס ער שרייבט ניט "אמרו רבותינו" וכיו"ב איז א ראי' אז דאס איז יע מוכרח פון פשטות הכתובים, און דערנאך שרייבט רש"י "לכך מתרגם גו'", אלס א סיוע און א ראי' צו זיין פי', וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע צו די הערות אויף זהר, איז דא וואס דער זהר זאגט אין פ' תרומה (קסג,א) דער משל הידוע פון א בן מלך און א זונה, (וואס דאס ווערט אויך געבראכט אין תניא (ספכ"ט), וואס ער זאגט "כמ"ש בזה"ק", וואס דאס מיינט דער זהר פון פ' תרומה),

און דער זהר זאגט דארט, אז די זונה קריגט א שכר פאר צוויי זאכן: א)וואס זי האט אויסגעפאלגט דעם ציווי המלך; ב) ווארום דורך איר איז נתגלה געווארן די מעלה פון בן מלך.

און דער זהר זאגט אז בשעת מ'שטייט ביי דעם נסיון, גיט מען דעם בן מלך "מתנן, ונבזבזא, ויקר סגיא" (א סאך כבוד), איז דער טאטע מבאר אין די הערה בארוכה ע"ד הקבלה דער דיוק פון די ג' לשונות, אז דאס איז כנגד די ג' מוחין חב"ד,

וואס ער איז אבער ניט מסביר (ווארום ער פארלאזט זיך אז מ'וועט דאס אליין פארשטיין ע"פ המבואר במ"א, כמדובר כמ"פ),

- וועט איז -

הנחת הת' בלתי מוגה

די חוקים פון די טערקען האבן א חשיבות אפי' היינט, און בפרט אז וואס איז שוין אן אלטער געזעץ, פון נאך איידער די ענגלאנדער זיינען אריין אין ארץ ישראל, בשעת א"י איז נאך געווען ביי די טערקען, וכידוע די בהלה וואס איז דא אין זייערע חוקים,

און דאס האט מציע געווען א פרומער איד, און רבנים זיצן און זיינען דן בזה בכובד ראש, וואס דורך דעם וויל מען אפשטופן דעם ענין ניט נאר אויף צוויי יאר נאר אויף צוואנציג,

און בשעת מ'וועט אויפהערן נעמען שחד און גיין מיט א תקיפות וועט זיך אנהויבן דער סדר אז אנשטאט גיין מטה מטה (ווי ס'איז געווען ביז איצטער) וועט מען אנהויבן גיין בכיוון הפכי - מעלה מעלה, און מ'זאל ניט קוקן אז אויב ליובאוויטש זאגט אזוי דארף מען זאגן פארקערט, ווארום דאס איז ניט קיין ענין פון ליובאוויטש, און אויב ער וועט זיך נאר באטראכטן בשכל הישר וועט ער זען אז דאס איז א גערעכטע סברא,

און עס זאל זיין ונסמך גאולה לגאולה, וכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

ו. בנוגע צו דעם פרש"י, איז דער ביאור בזה:

מיט דעם וואס רש"י שרייבט "מין חי'", קומט ער שולל זיין אן אנדער פי' וואס מ'וואלט לכאו' געקענט לערנען אין תחש (און עס זיינען דא מפרשים וואס זיינען טאקע אזוי מפ'), אז אזוי ווי עס ווערט פריער דערמאנט בנוגע צו תכלת ארגמן און עדות אילים מאדמים כו', וואס דאס רעדט זיך אלץ וועגן צבעים, איז אויך דער פי' פון "תחשים" - א מין צבע וואס האט אין זיך כמה גוונים, און "עורות תחשים" הייסט עורות וואס זיינען געפארבט מיט דעם צבע וואס הייסט תחשים,

און דאס זאגט רש"י, אז אין פשוטו של מקרא איז דער פי' פון תחש - "מין חי'".

וואס איז רש"י'ס הכרח אז דאס איז "מין חי'"? איז בכלל געפינט מען ניט בפירוש רש"י עה"ת דער חילוק פון א חי' מיט א בהמה, און הגם אז רש"י זאגט אז "חי' בכלל בהמה", און "בהמה בכלל חי'", איז ער ניט מפ' וואס איז דער חילוק ביניהם, וואס ס'איז דא א נפק"מ לדין בנוגע צו כיסוי הדם וכו', (הגם אז דער בן חמש האט דאס נאך ניט געלערנט, ער האט אבער שוין געהאט כמה פסוקים אין וועלכע עס ווערט דערמאנט חי' און בהמה), וואס דער טעם אויף דעם איז, ווארום אין פסוק אליין שטייט דער חילוק פון א בהמה מיט א חי', און דעריבער דארף דאס רש"י ניט מפ' זיין,

וואס אין פ' בראשית (ב,יט) שטייט "חית <u>השדה</u>", ד.ה. אז א חי' געפינט זיך אין פעלד, וואס פון דעם איז פארשטאנדיק אז א בהמה געפינט זיך צווישן מענטשן, (און דערפאר איז אויך בשעת עס שטייט (בראשית כה,כז) "איש יודע <u>ציד</u>", וואס מ'רעדט וועגן אזעלכע וואס מ'דארף זיי פאנגען - ד.ה. חיות, איז גלייך פארשטאנדיק אז דאס איז "איש <u>שדה</u>"), וואס דאס איז דער חילוק צווישן א חי' מיט א בהמה, און רש"י דארף דאס גארניט מפ' זיין,

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

- ולפ"ז -

ולפ"ז איז פארשטענדיק רש"י'ס הכרח אז תחש איז א מין חי':
מ'האט פריער געלערנט אז בשעת אידן זיינען ארויס פון מצרים האבן זיי מיט געבראכט "מקנה כבד מאד" (שמות יב,לח), און אין "מקנה" ווערט נכלל שורים, חמורים, גמלים, אתונות, סוסים, וכו', אבער ניט תחש, איז אויב תחש איז א מין בהמה (וואס געפינט זיך צווישן מענטשן, כנ"ל), פארוואס ווערט דאס ניט דערמאנט בשעת יצי"מ בכלל מקנה? און דאס איז רש"י'ס הכרח אז תחש איז א מין חי'.

דא ווערט אבער גלייך די שאלה: אויב תחש איז א מין חי', ווי קומט דאס אין מדבר? אין מדבר איז דאך ניטא קיין מאכל ומשתה כו', און דארט געפינען זיך ניט קיין בעלי חיים (און אפי' בשעת מ'וועט לערנען פ' ואתחנן, שטייט נאר אז דארט איז דא "נחש שרף ועקרב" (וואס זיי קענען דארטן לעבן ווייל זיי דארפן ניט קיין וואסער כנ') אבער ניט תחש), איז ווי אזוי איז דער תחש געקומען אין מדבר?

אויף דעם ענטפערט רש"י, "ולא היתה אלא לשעה", אז דורך א נס איז דאס געקומען אין מדבר, צוליב דעם משכן, (און מ'דארף ניט אנקומען צו ענינים פון פ' ראה וכו'),

דערנאך איז רש"י ממשיך "והרבה גוונים היו לה", וואס דעריבער קען מען ניט פרעגן אז מ'האט דאס געקענט ברענגען פון מצרים, (ווי רש"י זאגט גלייך שפעטער בנוגע צו די ארזים) און וואס האט מען געדארפט האבן דעם נס לאותה שעה, ווארום מצד די ריבוי גוונים איז דאס א מין מיוחד, און אין מצרים איז דאס ניט געווען,

און דער הכרח פון רש"י אז תחש איז ניט קיין צבע נאר א מין, איז פון פסוק גופא: אויב תחש איז א צבע, האט געדארפט שטיין "ועורות אילים מאדמים ותחשים", פארוואס ווערט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט "ועורת תחשים"? און אויב מ'וועט זאגן אז מ'מיינט ניט עורות אילים, נאר אנדערע עורות, און דעריבער שטייט נאכאמאל "עורות", האט דער פסוק געדארפט אויסטייטשן וועלכע עורות מ'מיינט, פונקט ווי מ'טייטשט אויס "עורות אילים"? מוז מען דאך זאגן אז תחש איז א מין, און דערפאר שטייט "עורות תחשים".

דערנאך ברענגט רש"י א ראי' לפי', (אז תחש איז ניט א צבע נאר א מין), פון דעם פי' התרגום, וואס דער תרגום איז מפ' ססגונא, "ששש ומתפאר וכו'", און דאס איז וואס רש"י שרייבט "לכך מתרגם", ד.ה. אז ס'איז דא אזא מין וואס איז "שש ומתפאר כו'", און דאס איז וואס רש"י זאגט "לכך מתרגם כו'", אז מצד דעם הכרח הנ"ל אז תחש איז א מין טייטשט דער תאגום "ששש ומתפאר כו'",

כמרובר כמ"פ, אז רש"י פארענטפערט אמאל א קשיא דרך אגב, און ברענגען די קשיא, איז דאס אזוי אויך אין אונזער רש"י: עס זיינען דא מפרשים וואס לערנען, אז דער פי' פון "ססגונא" איז מל' שש, ד.ה. אז דער תחש האט געהאט זעקס גוונים, רש"י קען אבער אזוי ניט לערנען, ווארום עס לייגט זיך ניט אין פשוטו של מקרא, אז צוליב זעקס גוונים האט מען געמאכט דעם נס לאותה שעה מיט דעם גאנצן שטורם כו', ווארום מ'געפינט דאך אז אין חושן ואפוד איז געווען פינף גוונים: זהב, תכלת, ארגמן, תולעת שני, און שש, איז צוליב נאך איין צבע לייגט זיך ניט אז ס'איז געווען א נס מיוחד,

— און [illegible] —



הנחת הה' בלתי מוגה

און נאכמער: אין חשן איז דאך געווען <u>זעקס</u> גוונים, ווארום הוץ פון די פינף וואס זיינען געווען שזורים יחד, איז אויך געווען זהב באזונדער - אין די שרשרות, און עס איז ניט גלייך ווי זהב איז א קאליר פאר זיך, צו ווי די איז איינגעפלאכטן מיט אנדערע קאלירען, און אויב אזוי איז דאך געווען ששה צבעים אין איין בגד, און דערפאר איז נאך שווערער צו זאגן אז צוליב ששה צבעים איז געווען א נס מיוחד, בשעה מ'האט זיי געקאנט פלעכטן צוזאמען, און דעריבער לערנט רש"י אז "הדבה גוונין היו לה", און ססגונא מיינט "ששו ומתפאר בגוונין שלו".

בנוגע די הערות אויף זהר, איז דער ביאור: בשעת אידן זיינען אריין אין א"י, האט מען זיי אפגעגעבן נחלת שבעה אומות, און לע"ל וועט מען אויך געבן קיני קניזי וקדמוני, וואס דער ביאור בזה איז מבואר אין חסידות (און נאכמער אין קבלה), אז וויבאלד אז איצטער איז די עיקר העבודה אין מדות, דערפאר קריגט מען מערניט ווי ז' אומות, וואס זיי זיינען כנגד די ז' מדות, און איצטער קען מען ניט טאן בשלימות די עבודה פון מוחין, משא"כ לע"ל, ווען עס וועט זיין דער "כי ירחיב ה"א את גבולך", וועט זיין בשלימות אויך עבודת המוחין, און דעריבער וועט מען יעמולט קריגן אויך קיני קניזי וקדמוני, כנגד די ג' מוחין חב"ד.

און דאס וואס עס שטייט אין די הערה אז אויך איצטער ביט מען די נשמה למעלה די ג' מוחין, מיינט דאס ניט עצם ענין המוחין; נאר מוחין וואס איז שייך צו מדות, משא"כ לע"ל וועט זיין דער עצם ענין המוחין.

וכאן המקום להעיר, בנוגע צו וואס עס האט זיך גערעדט פריער בנוגע צו ססגונא, אז דאס איז אויך פארבונדן מיט וואס עס שטייט אין אגה"ק אז אין איין גוון איז ניטא קיין תפארת, און דוקא בהתכללות כמה גוונים ווערט דער ענין פון תפארת, וואס דאס איז פארבונדן מיט "ססגונא - ששו ומתפאר בגוונין שלו", וואס דוקא בריבוי גוונים איז דא דער ענין פון תפארת.

און דאס איז אויך שייך צו פורים, וואס יעמולט איז דא דער ענין פון מקרא מגילה, וואס דאס דארף זיין ברוב עם דוקא, און ביז ווי די גמ' (מגילה ג,א) דרש'נט עה"פ (מג"א ט,כח) "משפחה ומשפחה", אז אפי' די משפחות הכהנים דארפן מבטל זיין פון זייער עבודה, און קומען הערען מקרא מגילה, און אע"פ וואס זיי קענען לייענען די מגילה שפעטער צווישן זיך בעשרה, מ"מ דארפן זיי קומען איצטער הערן די מגילה במעמד כמה עשיריות מישראל, וואס דער טעם הדבר איז, אדער מצד "ברוב עם הדרת מלך", אדער מצד פרסומי ניסא.

ועד"ז איז דא אין פורים די מצות פון משלוח מנות און מתנות לאביונים, וואס ברענגען צו קירוב ואיחוד הלבבות.

און בפרט ווי גערעדט אמאל דער דיוק פון "<u>מתנות</u> לאביונים" (און ניט "צדקה לאביונים" וכיו"ב, הגם אז צדקה איז שקולה נגד כל המצות), וואס דער ענין אין דעם איז אז אע"פ וואס ער איז א עשיר און יענער איז א אביון, גיט ער אים די געלט כו' <u>ניט</u> אלס צדקה, נאר אלס <u>מתנה</u>, וואס דער כלל ביי מתנה איז דאך "אי

לאו דעביד לי׳ נייחא (ל)נפשי׳ לא הוה יהיב לי׳ מתנתא" (גיטין נ,ב), ד.ה. אז דער אביון האט אים פארשאפן "נייחא נפשי׳", און עד כ"כ אז צוליב דעם גיט ער אים פון זיין געלט במתנה,

זאל מען זען אז די אלע ענינים פון פורים זאלן זיין מיט דעם גרעסטן שטורם, און מיט אסיפות כו׳, אין א אופן פון "ברוב עם הדרת מלך", און בפרט נאך אז מ׳זעט אז ביי די וואס זיינען לוחם נגד דבר ה׳ ווערט אלץ מער פירוד, זאל מען פארשטארקען די אחדות צווישן אידן, און ביז אז דאס זאל אויך דערנעמען די וואס זיינען לוחם נגד דבר ה׳, (וואס ביי זיי איז אויך דא דער ענין פון אחדות),

ובפרט אז דער יאר איז דאך א יאר פון "הקהל את העם האנשים והנשים והטף", און ווי גערעדט בארוכה אז "טף" הייסט אפי׳ א תינוק בן יומו, וואס דא קומט מען מיט א טענה: ער איז דאך נאר א תינוק, ער איז ערשט געבארן געווארן, איז וואס האט ער צו טאן מיט דעם "ושמרו לעשות את כל דברי התורה הזאת"? און אויף דעם זאגט מען, אז וויבאלד אז דאס איז א אידישער קינד, איז גלייך פון געבורט, בשעת ער איז איין רגע אלט, איז אים שוין נוגע אידישקייט, ענינים פון תומ"צ כו׳,

און דער פסוק איז ממשיך: "וגרך אשר בשעריך", וואס דא איז דער דיוק אז דאס איז "גרך" - דיינער א גר, ניט א גר וואס אנדערע האבן אים איינגערעדט און איינגעבעטן כו׳ ער זאל זיך מגייר זיין, נאר דאס איז "גרך" - א גר כהלכה, וואס יעמולט איז דאס ווי דער רמב"ם זאגט "כאילו שומעין מפי הגבורה בסיני", ווארום די נשמות פון די גרים שנתגיירו כהלכה זיינען געוועז ביי מ"ת,

און מ׳זאל אויפשטורעמן דעם גלות אין די לעצטע טעג פון גלות, וואס "אכתי עבדי דאחשורוש אנן", און ביז מבטל זיין דעם גלות אינגאנצן, "ונסמך גאולה לגאולה", בביאת משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

בסיום השיחה אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א שיעשו אסיפה ע"ד הנ"ל, לעשות "רעש" ("שטורעם") ולהביא הדבר לפועל ממש, שכל אחד ואחת מישראל יקיים את המצוות דפורים (ונתן מזונות ומשקה עבור האסיפה).

* * *